# מעינקע קאַץ

## אַ קליין בינטעלע געקליבענע לידער

ערשטער נוסח פון ערב סוכות תש״ע — אָנהייב אָקטאָבער 2009

א י נ ה אַ ל ט:


פריינט ביים טיש

דער זייגער גייט

קעגן שלאָס און גראַם

לא תרצח!

דאָס ליד פון אַ ליטוואַק

פאָנאַר

אַ תפילה פון אַ שטיין

משיח

דער בראַווער פחדן

אַמאָל איז געווען אַ מעשה

דאָס ריזעלע

אַ גוטן טאָג

דריי שוועסטער

די דריי שוועסטער נאָך זייער טויט

אמת

# פריינט ביים טיש

(מיין פרי פֿאַרשטאָרבענעם פריינט: לייזער סאַפּרין)

I

די אומרו נאָך ווייטע לענדער האָט מיך קיינמאָל ניט געצויגן.
די בענקשאַפט נאָך וואַנדער האָט מיינס אַ רגע קיינמאָל ניט פֿאַרצערט.
מיט פריינט אַרום טיש בין איך די וועלט, האַרץ צו האַרץ דורכגעפלויגן,
איז מיר וואַנדערן דורך שמועס, אַ לעבן לאַנג געווען באַשערט.

דער וואַנדער אַרום טיש איז די עלטסטע רייזע אַרום דער וועלט.
דער פריינט אַרום טיש איז שענער פון יעדער שיינקייט, דורך אַלע רייזעס.
וואָסער זונאויפגאַנג קען, ווי אַ פריינט ביים טיש, די וועלט צעהעלן.
וואָסער קונץ פון עראָפּלאַן, קען די וואונדער פון אַ וואָרט ווייזן?

וואָסער שיף שווימט גרינג, ווי דער שמועס ביים טעפעלע קאַווע — הער:
אָט איז אַ וואָרט — נחס בלאַט, אָט אַ שפּרייז: אַ ווינט — די ערשטע באַן.
אָט איז אַ וואָרט — אַ פעלדז, אַ גיבור וואָס ציט די ערד צו די שטערן.
אָט איז אַ וואָרט — אַ האַנט וואָס נעמט גאָר דאָס בייז אַוועק פון דאַנען:

בלייבט אַלדאָסגוטס מיט גאָר דעם בלענד פון פרייד, מי און שפע פאַרגאַפּט —
ווערט יונג די ערד, ניי דער מענטש: אָדמס ערשטער בליק אויף וועלט באַשאַף.

II

אָ דער גליענדיקער שמועס מיט חברים ביז שפּעטער נאַכט.
דאָס ליכט פון קיינמאָל ניט פֿאַרגאַנגענע זונען לויכט אַרום טיש.
דאָס וואָרט איז די איינציקע שווערד דורך די מוראדיקסטע שלאַכטן,
דער רויך פון סיגאַרעטן קרייזט און ווייזט פּלאַנעטן אַרום טיש.

דער שמועס אַרום טעפּעלע קאַווע איז די ווייטסטע נסיעה.
אָ, פֿאָרן דורך זוניקן געפּלאַפּל — פֿון דעם בלינדסטן אַמאָל,
ביז דער צייט ווען אויף דעם אָרט פֿון תּליות וועלן גערטנער בליען, —
ווען טורעמס פֿון חלום וועלן זיך פֿאָרן מיט טורעמס פֿון שטאָל.

אָט ווערט דער טיש — אַ בייט פֿאַר דער ווייטסטער נאָך ניט פֿאַרזייטער רויז.
אָט זעצט זיך מיט אונדז ישעיה ביים טיש — דער קריגער קעגן שווערד.
אָט פֿירט אַ קינד אַ וועגעטאַרישן וואָלף פֿון תּנ״ך אַרויס
און פֿאַריאָגט דאָס געוויין פֿון מענטש, פֿון בוים און חיה פֿון גאָר דער ערד.

אָ, דער שמועס מיט חברים זאָגט אָן דער וועלט, דורך שפּעטער נאַכט,
אַז בלייבן וועט דאָס וואָרט — די איינציקע שווערד נאָך אַלע שלאַכטן.

פֿון: אינמיטן טאָג (1954), זז. 90 – 91.

# דער זייגער גייט

(מיין טאַטע דער בעל דרשן, דרשנט צו זיין 25טן יאָרצייט)  (1879 – 1951)

מיין קינד, דער זייגער גייט און גייט, וויי, דער זייגער גייט!
אייביק איז דער זייגער, אַזוי קען גאָט אַליין נאָר גיין.
אַפילו פון אַ קלאַנג אַ ווידערקלאַנג וועט ניט פאַרגיין,
נאָר אַ טאָג אַזאַ וואָס איז קיינמאָל ניט פאַרגאַנגען פאַרגייט.
די פאַרטאָגן ווי קינדער וועלן אייביק אַזוי גיין.
מיין קינד, דער זייגער גייט און גייט, וויי דער זייגער גייט!
אייביק איז דער זייגער, אַזוי קען גאָט אַליין נאָר גיין.

שטערן זיינען זייגערלעך אין אַ בלאָנדזשענדיקער נאַכט,
און גיין קען אויך אַ פעלדז, כאָטש קיינער זעט ניט זיין גיין.
דער טאָל גייט צום באַרג, דער באַרג וועט צום טאָל נאָך גיין.
אויך אין מיין קבר שאַרט זיך די צייט דורך אייביקער נאַכט.
ווי דאָס גראָז אין ווינט, ווי די בענקשאַפט בין איך שטענדיק וואַך.
ס'קען די מצבה קיין איינציקע שיין ניט פאַרשטיינען.
משיח וועט קומען ווי זונאויפגאַנג נאָך דער לענגסטער נאַכט.

מיין קינד, אַלט ווערט אַפילו דער טויט, ווי ס'ווערט אַלט די נאַכט.
באחרית הימים וועט שטאַרבן אַפילו די צייט,
בלייבן וועלן אַלע ווייזערס שטיין ווי פינגער פון טויט.
פון הימל און ערד, פון מענטש און זון איז עלטער די נאַכט.
ווי האָפענונג, זיי שטאַרק קעגן טרויער פון ערב נאַכט.
דערהער דאָס געלעכטער פון אַ קינדס ערשט געוויין.
פאַרהער דאָס געוויין פון אייגענעם, לעצטן לאַכן.
מיין קינד, דער זייגער גייט און גייט, ווי, דער זייגער גייט.

פון: צפת (1979), ז. 51.

# קעגן שלאָס און גראַם

ברודער,
פּאָעט, זע
דאָס ליד הינטער
גראַמען, ווי גראַטעס,
רייסט זיך פון דורות יאָך.
לידער זיצן אין גראַמען,
ווי מענטש, פויגל און חיה אין
שטייגן. איך האָב געזען ווי שמשון
הגיבור, מיט פויסט אין מויל פון אַ לייב,
זיך קאָרטשען אין דרייען, אונטער דער משא
פון גראַם. גבורה געשמידט צו דער קלינגענדיקער
קייט — דעם גראַם, שמאַכט נאָך דעם פייער פון וואָרט וואָס זאָל אויף
אייביק פאַרברענען די זשאַווערן פון גראַם. אין שימל
בלייבט דער גראַם, אויב אַפילו מיט צאַרטסטער פייל פון זילב געטאָקט.

זאָל דאָס וואָרט בלענדן פריי, ווי בליץ דורך כמאַרעס, קראַכן גראַמלאָז
ווי דונער, איבער אַ געחלשט פעלד, אַ געבענטשטער
אָנזאָג אויף רעגן. אַ געיאָגטע סאַרנע דורך דער
שרעק פון וואַלד, לויפט ניט פונעם יעגער דורך גראַמען.
מצבות, די טרויעריקסטע שטיינער אויף
דער ערד, טרויערן ניט אין גראַמען. הער,
געלעכטער הילכט ניט פריי, פרילינגדיק
דורך גראַמען, אויב אַפילו דורך
דורכזיכטיקע קרישטאָלן
פון געשליפנסטן פערז
געלייטערט. דער גראַם
אויסגעגלעט, אויס
געקיילעכט,
שניידט אין

לייב פון
וואָרט זיך איין
ווי אַ וואונד, ווי
אַ ווערגנדיקע
רייף. אויב ווי דורשט, קוואַל, זון,
שטורעם איז אייביק דאָס ליד,
ווער קען די זון אין צעל פון גראַם
פֿאַרשליסן. ווער קען די אייביקייט
צו אַ מאָס פֿאַרמשפּטן, דעם שטורעם
אין דער ענגשאַפט פון דער געציילטער אומרו
פֿאַרשפּאַרן. סיי פון מענטש, מיסט, רויז, קרעץ, גיט ניט גאָט אין
קיין מאָס דאָס ליכט פון מאַיען, דאַרף דאָס ליד קיין מאָס,
ווי ס'דאַרף ניט די שיינקייט קיין וואָג, ווי ס'דאַרף ניט קיין ווינט, קיין
פויגל קיין קאָמפּאַס. אַ פֿאַרטאָג הינטער גראַמען פֿאַרשלאָסן,

הערט בענקען ניט אויף נאָך אַ גראַמלאָזן שטראַל. אָ זאָל דאָס וואָרט
זיין געשמאַק, ווי אין מיין הונגעריקער קינדהייט אַ פריש
פענעצל ברויט. אָ זאָל דאָס וואָרט פֿאָרן סוף־לאָז דורך
צייט און רוים, ריידן פּנים אל פּנים, האַרץ צו
האַרץ, מיט מענטש פונעם ווייטסטן, ליכטיקסטן דור.
מלחמות דורך ברענענדיקע פעלקער,
פלאַקערן ניט צום גראַם. אַן אַראָפּ
געשאָסענער עראָפּלאַן, אַ
פֿאַרוואונדעטער אָדלער, פֿאַלט
ניט צום גראַם. קיין שטורעם
וואָרצלט קיין בוים ניט
אויס אין גראַמען,
אָ ברודער
פּאָעט.

# רעזומע

דער ים
אין פולער
רציחה איז
אַ גראַמלאָזער רוף,
נאָך אַזאַ ווייטן טאָג,
אָן תפילות, אָן שלעסער, אָן
ריגלען, אָן קייטן, אָן גראַמען.

פון: צפת (1979), זז. 63-65; מעינקע סאָנעטן (1993), זז. 15-17.

# לא תרצח!

זע, דאָס קעלבעלעביים ערשטן בליק אויף ליכט פון טאָג איז ווי גאָט אַזוי קלוג.
די מאַמע־קו הערט מעלה־גרהן ניט אויף צום בורא עולם אַ דאַנק,
פֿאַר הימל און ערד, פֿאַר זון און גראָז און פרייד, ווי קוואַל, פֿאַר אַלעמען גענוג, —
ווי זאָל איר איינפֿאַלן אַז פֿאַר זיסן שמאַנט גיט דער מענטש מיט טויט אַ דאַנק?
די מאַמע־קו לערנט ס׳קינד אַז לעבן איז געשמאַק, ווי גרעזעלעך אין פעלד,
נאָר דער מענטש מיט חלף אויף האַלדז, שאַלט אָדעס צו יושר און צאַרטקייט אויס, —
איז דען אַ וואונדער וואָס קַינס רציחה איז נאָך אַלץ דער האַר פון דער וועלט?
אוי, קעלבעלע, דיין חן אינעם פעלד איז מקנא אַפילו די רויז,
נאָר אַז כ׳זע דיך הענגען אין יאַטקע, מיט טשוואָק דורך האַרץ, צו רייצן פון מענטש ס׳מויל, —

זאָג איך: רעד פון מאָרד בן־אָדם, ניט פֿלאַפּל פון דער שיינקייט פון דער רויז.
שלום איז די הון וואָס בריט נייע הינדעלעך — פֿאַנטאַסטישע פייגעלעך אויס:
דאָס הינדעלע אונטערן חלף פֿאָרט זיך נאָר מיט חושך, מיט האַס און מיט גרויל.
אָ, אויב צום געבעט פון שעפעלע, קעגן שוחט, בלייבט טויב ווי שטיין דער מענטש,
וועט קיינמאָל קיין שלום דעם מענטש ניט בענטשן, וועט שטענדיק מענטש קוילען מענטש.

פון: אינמיטן טאָג (1954), ז. 92.

# דאָס ליד פון אַ ליטוואַק

שלמה
המלך:
לידער פון די
ווײַנגערטנער קען דאָך
אַפילו אַ פּתי
דערהערן, אָ, איך זינג דאָס
געזאַנג פון אַלע געזאַנגען
צו דער בולבע, צו דעם יום־טוב פון
מײַן געוועזן שטעטעלע, די בולבע
איז פון אַלע פּרוכטן דאָס שעמעוודיקסטע
פּרוכט. פון קײַן אויג ניט פֿאַרבאָרגן, בליען עפּל,
קאַרשן, באַרן, לאָזן זיך אָן בושה פון יעדער
שטראַל פֿאַרזוכן. בלומען ווי גאַסנמיידלעך קען איטלעך
בין פֿאַרנאַרן. די בולבע, ווי אַ ליטוואַק, לערנט
טיף דעם סוד פון ווערן, אונטער דער ערד. יע, אַז
פֿאַראַן מער סודות אין אַ בולבע, ווי אין
אַלע שטערן, ווייסט דאָס מינדסטע קערנדל,
דער גרעסטער חכם אויף דער ערד. אויב
אין ווײַנגערטנער זײַנען פֿאַראַן
שיכורלעכע לידער איז
דערפֿאַר אין בולבעס דאָ
דער טעם פון מײַנע
שטעטעלעך: סוויר,
מיכאַלעשיק,
סווינציאַן.

פון: צפת (1979), ז. 57; מעינקע סאָנעטן (1993), ז. 22.

# פֿאָנאַר

I

פֿאַראַן אַ וואָרט וואָס הערט ניט אויף דאָס ליכט פֿון טעג צו שרעקן: פֿאָנאַר!
פֿרעג מיין שטעטעלע סווינציאַן אויב פֿאָנאַר איז ניט יחזקאלס טאָל.
קומען וועט דער מענטש פֿון הונדערט יאָר אַרום פֿרעגן אין פֿאָנאַר:
„צי קלאָגט דאָ יחזקאל אין ווינט דאָס געקלאָג פֿון ביינער טאָל.

„ווען מענס געוויין גייט אויף און פֿאַרגייט אין פֿאָנאַר: יחזקאלס טאָל?
די אוראַלט פֿאַרשיכורט, ווי דער ריח פֿון סאַמיקע בלומען,
דאָס געוויין פֿון דורות הערט גאָר ניט אויף אין פֿאַרשאָלטענעם טאָל.
וואָסער כח קען אין פֿאָנאַר יחזקאלס געוויין פֿאַרשטומען?

„הער, פֿון שטיין קלאָגט מיין פֿאָלק אַרויס, אָ, מענטש פֿון הונדערט יאָר אַרום,
לערן זיך פֿון אַ שטומען דאָס לשון פֿון אַ שטיין דערהערן.
ווייס, דאָ איז געווען אַמאָל אַ רויז, דער דאָרן, דער קרומער.
אָ, זאָג אַ וואָרט אַזאַ וואָס קען בייטן אַ שטיין אין אַ שטערן.

„ווייס, אַ שטומער איז ניט דער וואָס קען דורך וואָרט אַפֿילו ניט וויינען, —
אַ שטומער איז דער וואָס קען דאָס לשון פֿון שטיין דאָ ניט פֿאַרשטיין“.

פֿון: אינמיטן טאָג (1954), ז. 73.

# אַ תפילה פון אַ שטיין

II

יעדער שטיין פון פּאָנאַר בעט זיך: צעהאַק מיך, צעזאַמד מיך, מענטש,
איך זאָל דאָ ווי דאָס גרויליקע האַרץ פון אַ גזלן ניט בלייבן:
ס׳זאָל מיינס אַ שטויבעלע — אַ געיאָגט קערנדל מיט אָנהאַלט בענטשן,
ס׳זאָל מיינס אַ זעמדעלע צערוישן אַ קלאַנג פון אַ פאַרשטומט לעבן.

כ׳זאָל דאָ ניט בלייבן אין פּאָנאַר — אַ קיינמאָל ניט געווײנט געוויין.
כ׳זאָל דאָ ניט בלייבן אַ שטיין: אַ קיינמאָל ניט געזונגען געזאַנג.
וויי, איך האָב דאָ געהאָלפן די קלוגע ליטוואַקעס פאַרשטיינען,
איז וויל איך ווערן אַצינד — אַ וואונד וואָס טוט נאָר זיך אַליין באַנג.

כ׳זאָל ווי דער ווינט, אָן אויפהער די ליטווישע שטעטעלעך באַוויינען,
ווערן אַ טרער וואָס קען די שטיינער פון גאָר דער ערד רירן,
אַזאַ טרער וואָס הערט ניט אויף דורך די נעכט פון פּאָנאַר צו שיינען:
איך זאָל דעם קבר פּאָנאַר מיט ליכטיקע בשורות צעצירן:

בשורות פון דעם ערשטן פרילינג נאָך דעם לעצטן, לעצטן פּאָנאַר —
ס׳זאָל אויך דעם שטיין, ווי דורך זיך אַליין, די קויל דורך אַ קינד אַרן.

פון: אינמיטן טאָג (1954), ז. 74.

# משיח

איך ווייס טאַטע, משיח וועט קומען פון מיכאַלעשיק,
וועט אויף אַן אייזעלע רייטן דורך סוויר און דורך סווינציאַן,
דאָרט וואו די הייליקסטע ערד אויף דער וועלט איז פאַראַן.
איך ווייס מאַמע, משיח וועט קומען פון מיכאַלעשיק,
ווייל אין גן־עדן געבליבן איז מיכאַלעשיק
און מיט די וואָרצלען איבערגעקערט ליגט אין הימל סווינציאַן.
דאָרט וואו די בענקשאַפט איז ווי גאָט, אָן אַן אָנהייב, אָן אַ ברעג
וועט משיח קומען, אוי, מיכאַלעשיק, אוי סוויר, אוי סווינציאַן.

פון: צפת (1979), ז. 52.

# דער בראַוווער פּחדן

אייביק וועט דער פּחדן,
פֿאַר מיין שטאָלצער באָבע מאָינע זיך שרעקן —
ס׳זאָל משה־רבינוס צויבער־שטעקן,
פֿון מאָכיקן שלאָף זי ניט וועקן;
זי זאָל אַ טויטע און אַ לויטערע פֿון אוראַלטן קבר ניט קומען:
פֿון זיין קול — צעבויגן דאָב בלעכענע ברומען,
מיט איר אָטעם, די אויפֿגעבלאָזענע שטאָלצן צעבלאָזן,
מיט איר בלוט, דעם וואַסערדיקן רויט פֿאַרמעקן
און נאָר דעם כאָרכל פֿון דעם כאָרכלער לאָזן.

אייביק וועט דער פּחדן,
אויף טונקעלן שטעג דעם טרוים באַפֿאַלן
און דרייען זיך הייליק און ריטשען גערעכט:
„העי, פּאָעט, אַהער גיב פֿרייד,
פֿרייד — פֿאַר אומעטיקע קנעכט;
העי, פּאָעט, אַהער גיב שטראַלן —
ליכט — פֿאַר בלינדע קנעכט.
איך בין אַ היינט מיט טעמ׳ען פֿול, ווי מיט זאַפֿט געשמאַקע סעדער.

דעם נעכטן, האָט שוין די צייט דערוואָרגן,
דעם מאָרגן — פֿאַר קרענקלעכע בטלנים;
דעם היינט גיב אַהער, אַהער דעם היינט.
פֿון דיין ליד שיינט בית־עולם שרעק.
דיין ליד — אַ טוכלער וועג צום מויזנלאָך:
ניט שטעק דיין וואַנזין אין אונדזערע מונטערע רעדער“.

בראַוואָ, בראַוווער פּחדן —
דיין בראַזגנדיקער רוף,
וועט געוויס פון דרימל, אַ ציטעריק העזעלע וועקן,
נאָר איך וועל צום שלאַכט ניט פירן
מיין ליד, מיט שטרויענעם גוף,
אויב אַפילו, טויזנט מאָל רויט צעצונדן.
מיט גבורה פון שטרוי, ווי קען מען בערג רירן?
דעם מעכטיקן פיינט, ווי וועסטו שרעקן,
אויב אַפילו, ער זאָל אַליין זיך בינדן.

דיין וואָרט — אַ מילב מיט פאַנטאַסטישן פויסט,
מאָנט פרייד — אַ פלאָקן די גרייס,
וואָס קען נאָך אומעטיקער זיין?
פון גרויע רייד — אַזאַ שטורעם,
וואָס קען נאָך גרויער זיין?
פון גרויע רייד — אַזאַ שטורעם,
ווער קען דערהערן?
מיט האַרץ פון שטאָל, מיט רואיק בלוט,
ווי קען מען שווערן?

אָי, ברידער פון נעכטן — אָי, שוועסטער פון מאָרגן:
עס שווערט מיין האַרץ, עס שווערט מיין בלוט,
אייך וועלן ניט בייזע ציין צעקריצן.
אייך וועט ניט גרייכן דעם פּחדנס רוט.
איך וועל מיט האַרץ און מיט בלוט אייך שיצן.

אייביק וועט די אומעטיקע אַלטקייט יונג האַלטן די וויינען.
אייביק וועט דער ווייטסטער מאָרגן,
געאָרעמט מיט דעם ווייטסטן נעכטן,
דורך צויבער פון נאָענטסטן היינט שיינען.

דיין צאָרן — אַ פייער־ריז,
גענוג געוויס דעם אומעט פון אַ פליגעלע פאַרברענען —
וואָלט נאָר דיין האַס געבן, דעם פיינט אין אויג אַ גראַבל;
וואָלט נאָר דיין פלאַם קענען, אַ פראָסטיק שטיבעלע באַהייצן.
ס׳פלאַצט דיין וואָרט ווי ליכט אַ מבול,
גענוג אַזש — די נעכט פאַרפלייצן,
גענוג מיט שטראַלן — דורות שיך צו פּוצן —
נאָר מיר ווערט פינצטער־פינצטער פון אַזויפיל ליכט
און מיר ווערט טרויעריק־טרויעריק פון אַזויפיל פרייד.
און נאָר דיין פרייד קען מיך שרעקן,
ווי אין אַ מעשה־ביכל — אַמאָל־אַמאָל,
אין מיכאַלעשיק, ביינאַכט, אַרום בית־עולם:
ווען אַ גולם מיט אויסגעקלערטן קול,
מיט אַ שד־געזיכט און אַ תכריכים־קלייד,
פלעגט די מתים, מיט אַ פריילעך האָפּקע וועקן.

ווייל דו ביסט אומעטיק ווי טויזנט „קוני־איילאַנד“ זונען,
איז אומעטיקער פון אַלע אומעטן דיין פרייד;
ווייל פריידיקער פון אַלע פריידן, קען דעם דיכטערס אומעט זיין,
האָבן מיינע טעג, אַזויפיל אומעט געפונען
און ווי ס׳קען אויך די פינצטערניש דורך העלסטער פרייד שיינען,
שיינט אויך די פינצטערניש דורך מיין ליד.

איך גיב דיר אַלע טייכן פון רינענדיקע קראַנען,
איך נעם אַ טראָפּן — פאַרקלערטן טוי.
איך גיב דיר אַלע רעגנבויגנס פון ווערטערדיקע ראַקעטן,
איך נעם פון אַלע פייערן — אַן איינציקן פונק
און האָלט האָב איך אַזוי:
אַן איינציקער פונק, דורך אַלע פינצטערנישן שפּאַנען
און האָלט האָב איך אַזוי:
זיין אַליין דאָס ליכט וואָס העלט דעם חושך אַרום מיר.

איך האָב געזען,
אַ פונק — אַלע פייערן פאַרשטעלן;
איך האָב געזען,
אַ בלינדן נעכטן — דעם מאָרגן צעהעלן.

איך האָב געזען,
דעם אָקטאָבער ווי טויזנט מאַיען בליען;
איך האָב געזען,
דעם שענסטן פויגל אויך פון וואָרים זיין יניקה ציען
און איך וועל ווי דער פּחדן זיך ניט שרעקן,
מיין וואָרט אויסטאָן נאַקעט, אַפילו אין מויזנלאָך.

איך האָב געזען,
אַ נאַכט אַן ענדלאָזע טאָגן;
איך האָב געזען,
אַ שטורעם — דעם פּחדן פאַריאָגן.

און ווען פון צופיל בראַזגען ווערט אויך טויב דער וויסטער בראַזגער,
שטומט אַ תפילה אויס, דער איינזאַמער פויק:
קום, אָ בראַוווער פויקער, קום —
ווי זאָל איך אויסבענקען די וואָלקנס,
אַז ניט דער רעגן,
נאָר אַ האָגל האַרטע רייד פויקט אין מיר,
קום, אָ בראַוווער פויקער, קום;
שטומט אַ תפילה אויס דער איינזאַמער פויק:
קום, אָ בענקשאַפט — קום אָ ליבסטע קום,
ווייל אַנדערשט איז אָן דיר מיין פרייד — פון פרייד,
ווי אַנדערשט ס'איז אַ דופּטיקע פינצטערניש אין פרייען פעלד —
פון אַ פאַרמשפּטער פינצטערניש אין טויטנקאַמער
און קום, אָ, טרויעריקע פלייט, —
גיב אַ טונקלקייט וואָס נאָגט ביז לויטערסטן שיין,
אַ שיין וואָס נעמט אַדורך ביז טונקלקייט.
אָ, גיב אַ פרייד וואָס שוידערט אויף ביז טרערן —
אַ פרייד, אַ טרויעריקע פלייט,
וואָס הייבט די טיפן אויף,
און טראָגט זיי ביז דער בענקענדיקסטער הייך אַרויף —
אָ, גיב אַ פּיין וואָס זאָל יאָנטעוון די וואָך.

פון: ס'האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאָינע (1938), זז. 49 – 54.

# אַמאָל איז געווען אַ מעשה
(פראַגמענט)

מיין שטיבל איז אָרעם, מיין שטיבל איז גרוי.
אַ פינגערל זון — אַ רעדעלע אומעט,
ווי אַ צעטראָטענע רויז, די גרייס —
דרייט אַרום מיר זיך אַרום, —
נאָר דעם אייבערשטן אַ דאַנק און אַ לויב,
ס׳האַרץ איז ניט אָרעם, ס׳האַרץ איז ניט גרוי.
זע, אויף די לאַטעדיקע שויבן,
אַזאַ צויבערדיקע נאַכט איז אַרויס —
אַ נאַכט מיט פייגל, מיט ווינט, מיט פלאַטערדיקן וואונדער,
מיט ליכט געגוג, אין ערשטער שעה צו טאָגן.
אָי, ווען כ׳זאָל נאָר מיין אייניקל,
פאַר די געסט — די שטערן,
מער כיבוד — מער פענצטערלעך פאַרמאָגן.

אונטער דעם פריילעכסטן פייער איז טרויעריקער אַש פאַראַנען.
דער בוים זעט זיך אין חלום — אַ טהרה־ברעט
און די צווייגן אין ווינט שרייען גוואַלד,
ווען דער העקער רעדט פון דער שיינקייט פון וואַלד.

אין אַ פריילינגדיקן וואַלד נאָך מער געוויין,
ווען ליבע רופט די וואַנדער־פייגל אַריין
און ס׳טראָגט זיך פון געבורט — אַ האָפערדיק געשריי.
די ביימער, צו די הייכן זיך ציען,
ווי זיי וואָלטן רייסן זיך פליען;
דער פריילינגדיקער וואַלד ווערט גרין פון פיין:
— ווייַ! ווייַ!
דער העקער זאָגט — אין בין שיין!

הער, דער שטורעם דערציילט:
פֿאַראַנען מצוות וואָס זינדיקן אַפּילו אין גן־עדן,
דורך זיי די שיינקייט, ווי אויף קוליעס גייט;
פֿאַראַן עבירות וואָס זינדיקן ניט אַפּילו אין גיהנום,
דורך זיי, דער גיהנום — איז די ווייַנענדיקסטע פּלייט.

ווי ס'גלוסט דעם הונגער צו דער זעט,
גלוסט די זעט צו דעם הונגער.
צום דורשט פֿון מדבר ציט דעם ים,
ווי ס'ציט דעם מדבר צום אָנגעטרונקענעם ים.

דער רעגן וועט דעם שטויב קיינמאָל ניט פֿאַריאָגן.
דער שאָטן וועט פֿון ליכט זיך קיינמאָל ניט שיידן.
אין מערב מוז זיין נאַכט און נאַכט און נאַכט,
איידער אין מזרח הייבט אָן טאָגן.

הער, דער שטורעם דערציילט:
דעם דונער איז באַשערט,
דעם פּיין פֿון שטאַמלער אויסצושרייען, —
דערפֿאַר איז דאָ אַזויפֿל שטומקייט אין דעם דונער,
אַזויפֿל דונער — אין גבורהדיקער שטומקייט,
נאָר ווי צום שטאַמלער וואָס וויל ווי דער דונער שרייען.

אויף אַ יאָגנדיקן באַן, זיינען אַלע וועגן באַנען —
אין ווייט הילכט ווי שטאָל, דאָס ווינטיקע קלאָגן;
דורך די אימפּעטדיקע שויבן,
איז יעדע פּלאַציקייט — אַ פֿליענדיקע רייף;
פֿעלדער הייבן סטאַדעס בעק אין שווינדלדיקן לויף, —
אויף אַ יאָגנדיקן באַן, זיינען אַלע בעק באַנען,
נאָר ווי צום באָק וואָס וויל ווי דער באַן זיך יאָגן.

הער, דער שטורעם דערציילט:
די רציחה פֿון ניט פֿאַרקיטעוועטע שויבן
און די בייזע לאָדנס אין געשלעג מיטן ווינט,
קענען אַ ווינטערדיק שטוב צום פֿרילינג ניט הייבן.

אימירצעשעם, שפּעטער —
וועל איך די שענסטע באָבע־מעשה דיר דערציילן,
פון אַ שנייאיקן פּעטער,
מיט אַ קאָפּ — צען בערג, מיט פּיס — טויזנט היילן.

דערווייל, אַ מעשהלע אַ פּראָסטע וועסטו הערן,
ווי עס שווערט זיך אַ גרויער שפּאָן:
איך בין דאָס גאַנצע זילבער פון די שטערן,
איך בין דער שטורעם, איך בין די רויטע פּאָן.

דערווייל, אַ מעשהלע, אַ פּראָסטע וועסטו הערן,
ווי עס טרומייטעוועט אַ שטרוי —
איך וועל דעם פייער אין ווינט פאַרצאַמען;
ווי עס ציגעט אַ ציגעלע — איך בין עלטער פון מיין מאַמען,
ווי עס כאָרכלט אַ בלאָטקעלע — איך בין דער ים:

פון: ס'האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאָינע (1938), זז. 20 – 24.

# דאָס ריזעלע
(פראַגמענט)

אין נאָבעלן צילינדער, אין נעטן פראַק,
איז ער דער שעכטער פון וועלטישער בוינע.
מיינע תכריכים, שוין אַזויפיל דורות רייסט ער
און מיט די ריסן פון דעם הייליקן געוואַנט,
די זון פון מיין פאָלק אַלץ בלינדער פאַרהענגט ער.
אַ ליכטיקייט פון דעם בליאַסק פון גילאָטינעס ברענגט ער —
אָי, המנס ליכטיקייט!
און ס׳לויכט די האַק,
ניט נאָר איבער די מאַרטירער־אייניקלעך מיינע, —
ס׳לויכט אויך די האַק,
איבער די שוין לעצטע גלידער פון דיין טויטער באָבע מאָינע.

פון: ס׳האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאָינע (1938), ז. 27.

# אַ גוטן טאָג, נאָענטער אייניקל
(פראַגמענט)

אַ גוטן טאָג, מיין נאָענטער אייניקל — מיין ווייטע פרייד:
אין דיין צימערל,
זע איך פון מיינע עלטער־עלטער זיידעס דאָס דחקות־לעבן,
זע איך דעם עלעקטרישן גאָט פון ניו־יאָרק פאַרשעמט,
מיט דעם זעלביקן ניטגוטן, אַרום אַ טרויער־ליכטל שוועבן, —
זע איך מיין שטאַרקן שטאַם צאַנקען, אין דעם זעלביקן שימער
וואָס פירט אויף דער סטעליע אום — רויכיקע שלאַנגען;
ביי דיינע חורבה־ווענט, האָב איך דערקענט,
פון דעם ווינט — די זעלביקע נויט־געזאַנגען.

אַ גוטן טאָג, מיין נאָענטער אייניקל — מיין ווייטע פרייד:
נאָך מיר און מיין שטאָלצן יחוס ביסטו אַ נאָמען —
אַ יחוס פון מילנער, וואַלד־העקער און ווילי־פליטן,
אַ יחוס פון זיידעס — גיבורים,
וואָס האָבן אויף פערד, ווי אויף בליצן, צו די באַשערטע גערינטן —
אַ יחוס, ביים יזכור — מיט שמשונען צו דערמאָנען.

אַ גוטע נאַכט, אָ גוטע באָבע מאָינע:
מיכאַלעשיק — דער פאַרליבטער הקדש,
האָט מיט בולקע נאָך אַלץ ניט אָנגעביסן
און הונגער — דער העסלעכער עקדעש,
רייסט נאָך פריצייטיקע קריעה־ריסן.

אין חזיר־געסל, זעט מען נאָך קיין סעדער ניט גרינען, —
אין די פאַרשאָלטענע חורבות, גרינען נאָך בעטלערישע קינדער
און איבער די קרומע שטעגעלעך, האָבן נאָך די שליטה ניטגוטע גייסטער.
צעקנייטשטע האַרבסטן, קלאָגן נאָך אין קבורה־שטיבל.
איבער דעם אויסגעוואַשענעם גרויל פון דער מיטה,
הענגט נאָך די לבנה, ווי אַ גזלנס זילבער־טייסטער.

אויסגעוויינטע באָבעס דורך תהלימדיקן חצות,
זוכן פאַר דיר נאָך אַלץ —
לוויתנדיקן ברויט, לבנהדיקן זאַלץ
און קענען פאַר דיר נאָך אַלץ,
קיין גן־עדן אָרט ניט געפינען.

אַ גוטע נאַכט, אָ, גוטע באָבע מאָינע.
מיט דורות הקדש אין די אויגן,
זע איך דיר — אַ לעבעדיקע תחינה,
איבער מעשים־טובים געבויגן;
זע איך דיר,
זוכנדיק אומזיסט — די צוגעזאָגטע זונאויפגאַנגען;
נאָר דיינע פאַרלאָרענע זונען,
וועט דער צעטראָטענער נעכטן שוין ניט געפינען.
אין מייןביין, אין מיין בלוט,
איז דיין לאַנג־פאַרלאָשענער טאָג ערשט אויפגעגאַנגען.

פון: ס׳האָט דאָס וואָרט מיין באָבע מאָינע (1938), זז. 62 — 63.

# דריי שוועסטער

(פראַגמענט)

אַזויפל סֶגלען ברענען
ווען שטאַרקע נעכט קאָרטשען זיך אין דרייען,
און אַלע זיינען
מיינע מיינע
מיינע
און אין יעדער סֶגל איז פאַראַנען
יעדע שוועסטער — מיין שענסטע ליד,
בענקט זיי אויס — אַן עלנטע שפּין
אויף אַ בלינדער שויב פון מיין ליידיק הויז;
שפּאַרונעס פאַנגען זייערע שאָטנס
ווי גלגולים פון ערגעץ אַנטלאָפענע;
האָב איך ליב זיי אַלע דריי,
און גיי אַזוי מיט וייטן אָפענע
פאַרליבטע נעכט פאַרביי.

איינע ווייזט זיך קעגן מיר
ווי אין אַ טויטנצעל אַ לעצטער פאַרנאַכט,
גיי איך קעגן איר ווי דורך אַ שפּיגל
מיט טריט פון אומבאַקאַנטע געסט
און צעפּראַל זי ווי אַ וואונדער אַ פאַרמאַכטן,
הערט זי אין מיין גאַנג —
געבראַזג פון אַ קברנס רידל,
פאַרגייט זי אַזוי באַנג
ווי פלאַטער פון אַ שטאַרבנדיקער קראָ
ערגעץ אין אַן איינזאַמען נעסט.

איינע מיט דורכזיכטיקע לענדן
וואָס רייסן זיך פאַרקאַשערן דאָס קלייד,
איז פון צייטיקייט געבויגן
ווי פולע תבואה פאַרן קאָסען,
ווי באַלד וואָלט אימיץ אָן טריט און אָן רייד
אויסוויקלען זיך פון תאווהדיקע נעכט,
און אויפן גאַס דאָ קעגן זון איר שענדן.

און די דריטע
איז פון האַרבסט אַן אָפּגעבליטע,
קוקט זי שטאַר אַזוי
אויף זיך און גאַנג פון צייט,
און איז שוין גרוי
פון זוכן זיך אַליין אין ווייט.

אין צעהויקערטן חשכות — קייטלען זיך
פאַרלאָשענע טעג אין אַ ריי,
מיין שאָטן ווי אַ להכעיסדיקער מת
קרימט מיך נאָך אויפן צעקנייטשטן ציך,
די דריי שוועסטער — מיינע שענסטע לידער
רייפן אין מיין חלום ברוין און בלאָנד,
און איך, מיט תאווהדיקע גלידער
און צער פון הונגעריקע צוויי מעת־לעת,
אויף מיין שלאָפלאָזער בעט
זינג דאָס ליד פון אַלע דריי,
און פאַרנעם ווי קעגנאיבער,
די לבנה אויף ברודיקן גרעט
חלומט פון מיינע לידער.

פון: דריי שוועסטער (ניו־יאָרק 1932), זז. 7 – 8;
2טע אויפלאַגע (ראָוון ד'ווילז 1993), זז. 7 – 8.

# די דריי שוועסטער
# נאָך זייער טויט

אַ קרעציקער הונט וועט שלאָגן מיט אַלעמען כּפּרות
און ערגעץ גריזשען גליד נאָך גליד,
וואָלקנס וועלן אויף הפקר לאָזן זייערע נאָרעס
און מיט טויטע, שיידימדיקע טריט איבער דעכער גיין,
ווי פֿון די דריי שוועסטער — מיינע שענסטע לידער
וואָלט געבליבן נאָר אַ שיידימדיקער קלאָגן.

דורך פֿראָסט און ווינט
וועלן זיי ווי וואָיענדיקע נעכט זיך טראָגן:
איינע וועט פֿון אַן אַלטער קראָ דאָס פּיצל קאָפּ פֿאַרצוקן,
איינע וועט מיט אַ פֿאַלנדיקן שטערן ווידוי זאָגן,
און איינע וועט אַ באַמאָלענע שויב אין דרייען שפּאַלטן.

געזונטע קינדער וועלן חלומען אין זאַטע וויגן
אַז זיי רייסן זיך פון אַ שפּינוועב ווי קראַנקע פליגן;
אין „קרעמל“
וועט די שרעק אַליין זיך אויגעדיק צעשרעקן,
לענין וועט פון מאַראָנירטן שלאָף זיך וועקן —
און צעוואַרפן זיין געשטאָפּטן האַרץ און שטערן,
און ווי דער שענסטער זונפאַרגאַנג — ניט ווערן

— — — — — — — — — — — —

בין איך טויט, לאַנג שוין טויט
און טויט זיינען די דריי שוועסטער — מיינע שענסטע לידער,
בין איך נעכט פאַרוואָרפענע אין אַ קברים־שטיבל,
בין איך — נעכט פאַרבראַכטע מיט דריי שוועסטער,
און גרוי אין האַלבענאַכט אַרויס
ווי ראָסט פון אַ פאַרלאָזטער הויז;
איבער מיר:
ביינער פון גופימלאָזע קברים
האָבן אַליין זיך אויפגעקליבן,
און שטעלן זיך צענויף,
אין טויטע, גופימלאָזע מיידלעך,
און יעדערע רעוועט מיט אַ זאַמדיקן קול
אַז נאָר איר זאָל איך ליבן;
און איך — אַ ניטגעשטויגן וואונדער,
שלענגל זיך ווי אַ וואָרים
און אַקער שמאָלע דרייאיקע אַלייען —
און גיי אַ בלינדער צלם אויף
איבער שמאָלע דרייאיקע אַלייען.

און אַלע שאָטענען מיר זיך אַרויף
ווי שטייגנדיקע מתימדיקע ווענט,
און לייזן זיך אויף
אין ערגעצניט
ניט לאָזנדיק פון זיך קיין איינציק צוויט.

אין לבנהדיקע נעכט אויף אַ הינטערהויף
ועט אַמאָל אַ נאַכטוואַנדלער ווי איך נאָך זען
צווישן די חורבות פון אַן איינגעפאַלן הויז,
ווי די טויטע שוועסטער — מיינע שענסטע לידער,
פאַלן אויף אַלטע צעבויגענע בעטן
און הייבן אויף זיך ווידער
ווי פון חרובע, ריטערלעכע קאַרעטן;
אין לבנהדיקע נעכט אויף אַ הינטערהויף,
וועט אַמאָל אַ נאַכטוואַנדלער ווי איך נאָך הערן
שטאַר און לאַנג —
ווי די שוועסטער אין די קברים שטומען
און דערמאָנען אַזוי באַנג,
אַז איך וועל מער ניט קומען.

פון: דריי שוועסטער (ניו־יאָרק 1932), זז. 58 – 60;
2טע אויפלאַגע (ראָוון ד'ווילז 1993), זז. 68 – 70.

# אמת

וואָס איז פּשוטער פון אמת? וואָס איז טיפער פון אַ סוד?
ווער האָט דעם מענטש פון ערשטן טרויער דערציילט?
פון ערשטן טרויער האָט דערציילט דער ווינט — די פליט.
דעם גורל פון מיין פאָלק האָט אויסגעקלאָגט דער ווינט — די פלייט.
וואָס פשוטער דער אמת, אַלץ טיפער דער סוד.
ווער ס׳האָט צום ערשטן מאָל דערזען די זון — די ערשטע ראָד,
האָט דערזען דעם פשוטסטן אמת — דעם טיפסטן סוד.
וואָס פשוטער דער אמת, אַלץ טיפער דער סוד.

פון: אינמיטן טאָג (1954), ז. 84.